# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

# 100

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל

1979 תּל־אָבֿיבֿ

15|6315

# די ערד

(דערציילונג)

וכיפּר אדמתו עמו

דברים ל״ב

אַכטונג !.. אַכטונג !.. באַלד וועט זיך אָנהייבן די אָפּשטימונג !..

ס׳איז געווען נאָך האַלבער נאַכט, ארץ־ישׂראל־צײַט. אַלע, אַלע זענען אַרויס פֿון די היימען צום מגן־דוד־פּלאַץ אין תּל־אָבֿיבֿ. זיי זענען געשטאַנען מיט געהויבענע קעפּ אַרויף צום מיקראָפֿאָן אויף איינעם פֿון די באַלקאָנען, פֿון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס קול פֿון ראַדיאָ־הילכער איבערגעבנדיק טראַנסמיסירטע ידיעות פֿון דער זיצונג פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער אין לייק־סאַקסעס, וועגן גורל פֿון ארץ־ישׂראל. באַלד וועט זיך אָנהייבן די גורלדיקע אָפּשטימונג

אַ פֿולע לבֿנה איז געהאַנגען איבערן פּלאַץ. די נאַכט — זילבער־באַלויכטן. דער הימל לויטער און ליכטיק. אַ ים פֿון זילבער־באַלויכטענע קעפּ האָט זיך דאָ געשפּרייט מיט אַ מאָדנעם פֿאַרביקן געמיש: גלאַנציקע אַטלאַס־קאַפּאָטעס פֿון חסידים, וואָס זענען אַרויס פֿון רבישע שבתּע־נאַכטיקע מלווה־מלכּה־טישן, לעבן געשטרייפֿטע פּיזשאַמעס פֿון אַרויסגעלאָפֿענע פֿון בעטן; עלעגאַנטע פּרויען־פֿריזורן צווישן שטרײַמלען און טעמבעל־מיצקעס. אַלע מיט אויגן צום מיקראָפֿאָן. אַ שטייגער פֿון מיקראָפֿאָן וואָלט געצויגן צו דעם ים קעפּ אַ מין רער דורך וועלכער אַלע האָבן איצט געזען דעם קלאַפּנדיקן דופק אינעם אָפֿענעם האַרץ פֿון דער היסטאָריע. זיי זענען געווען ווי די דינסטן וועלכע האָבן באַשײַמפּערלעך געזען גאָט בשעת משה האָט געשפּאָלטן דעם ים, און נישט באַנומען די זעונג.

אַכטונג ! אַכטונג ! באַלד וועט זיך אָנהייבן די אָפּשטימונג !..

ער איז געשטאַנען צווישן די המונים אויפֿן פּול־געפּאַקטן מגן־דוד־פּלאַץ. אַרום אים גאַנצע משפּחות, צוזאַמען אַרויס פֿון זייערע שטיבער. שכנים פֿון איין הויז, פֿרײַנד. באַקאַנטע. ווי אין אַ מינוט פֿון סכּנה, אַזוי האָבן מענטשן זיך איצט געהאַלטן צוזאַמען כּדי צו קאָנען איבערטראָגן די איבערנאַטירלעכקייט. בלויז ער איז געשטאַנען אַליין, זײַנע אויגן געהויבן צו דער פֿולער לבֿנה. פּלוצעם האָט אַלץ איצט אויסגעזען ווי דעמאָלט אין וואַלד, בשעתן טויטנמאַרש פֿון אוישוויץ. אויך דעמאָלט איז די נאַכט געווען פֿאַרגאָסן מיט דעם ליכט פֿון אַזאַ פֿולער לבֿנה. אויך דעמאָלט, שטייענדיק אַ פֿאַרשטעקטער צווישן נאַקעטע צווײַגן אויף אַ בוימשפּיץ, האָבן זײַנע געהויבענע אויגן צו דער לבֿנה געפֿרעגט: וואָס וועט מיט זיך ברענגען די קומענדיקע מינוט, אַ נײַ געבוירן ווערן ? אָדער וועלן די עס־עס־הינט דערשנאָפּן דעם אוישוויץ־ריח פֿון זײַן סקעלעטישן גוף.

מדינה !.. מדינה !.. מדינה !..

דער מענטשן־ים האָט זיך פֿונאַנדערגעטיילט אין בינטלעך. צוזאַמענגעשלאָסענע קעפּ מיט קעפּ. צוזאַמענגעהאַלדזטע, צוזאַמענגעקושטע. בלויז ער איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, אַליין. אָן משפּחה, אָן אַ גואל.

אַרום אים האָט פּראַלנדיקע פֿרייד געיובלט פֿון אַלעמענס מײַלער. דער הימל האָט זיך אויפֿגעריסן. דער שׂר פֿון פֿאָלק האָט אַראָפּגענידערט מיט אויסגעשפּרייטע באַפֿרײַטע פֿליגל איבער טאַנצנדיקע קעפּ. קינדער אין קומענדיקע דורות וועלן זאָגן: מײַנע זיידעס זענען דערבײַ געווען; זייערע הענט האָבן אָנגערירט די פֿליגל פֿון מלאך. פּיס האָבן געטאַנצט צווישן שטערן, כּדי די אויגן זאָלן נישט בלינד ווערן פֿון דעם גרויסן ליכט.

פּלוצעם האָט ער דערפֿילט אַ האַנט שליסט זיך אײַן אין זײַן אַראָפּגעלאָזטער האַנט. זיי זענען געשטאַנען אַקסל לעבן אַקסל. די הענט האָבן זיך דערקענט. פֿינגער האָבן זיך צוזאַמענגעפֿלאָכטן. ס'איז געקומען די דערוואַרטנדיקע מינוט פֿון חסדיקער פֿאַראייניקונג. מיט סאַראַ סודותדיקער שפּראַך רעדן צווישן זיך צוויי פֿאַרקוועטשטע הענט בשעת די מײַלער זענען אָן לשון.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר. זיי זענען געשטאַנען פּנים אַנטקעגן פּנים. אויגן אַנטקעגן אויגן. און יעדער האָט געפֿילט דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ פֿון אַנדערן.

זי, אַ דרײַ־דורותדיקער וואָרצל פֿון אָט דער ערד, אַ קײַלעכיק יאָר האָט זי בײַ אים געבעטן: זע, געליבטער, אויף מײַנע אויסגעשטרעקטע אָרעמס צאַפּלט צו דיר מײַן ליבע. נישט אין צוויי באַזונדערע וועלטן לעבן מיר. ס'איז איין וועלט, וואָס דאַרף געבן סײַ אַ דין־וחשבון, סײַ אַ תּיקון צו דײַן אוישוויץ־וועלט. נישט מחמת דײַן שולד ביסטו געווען אין אוישוויץ און נישט מחמת מײַן אומשולד בין איך דאָרט נישט געווען. ווו איז דאָס וואָרט און ווו איז די גרויסע רגע אין וועלכער איך זאָל דיך קאָנען איבערצײַגן?

אַ קײַלעכיק יאָר איז געווען פֿאַר אים קלאָר: ווידער שפּיגלט דאָס לעבן פֿאַר זײַנע אויגן די פֿרילינגפּראַכט אינעם סוד פֿון אָט דעם בליִענדיקן מיידל־גוף. דאָס לעבן פֿון אַ וועלט וווּהין ער געהערט מער נישט. זײַן וועלט הענגט אַנטקעגן איר וועלט ווי אַן אַש־פּלאַנעט, וואָס די השפּעה פֿון זײַן אַש־רעגן אויף דער נשמה איז אימהדיקער פֿון ראַדיאָ־אַקטיוון רעגן אויפֿן גוף. דעריבער האָט ער זיך בײַ איר געבעטן: גיי צוריק אין דײַן וועלט און קער נישט אום דײַן בליק צו מיר און נישט צו סדום ועמורה, כּדי דו זאָלסט נישט געניזוקט ווערן. דאָ אָטעמען די לונגען לופֿט פֿון ציקלאָן־גאַז; דאָ וויינט די ליבע אין די נעכט דורך העלדזער פֿון קרעמאַטאָריע־קוימענס; דאָ בלאָזט דער ווינט מיט אַש פֿון פֿאַרברענטע פֿרויענפּיס, אַזעלכע ווי דײַנע הויכע, שיינע פּיס; אַש פֿון אַ לײַב, ווי דײַן בליִענדיק, יונגמיידליש לײַב; אַש פֿון ליפּן, ווי דײַנע זאַפֿטיקע ליפּן.

איצט האָט די דערוואַרטנדיקע רגע פֿון חסד אַראָפּגענידערט, כּדי זיך צו באַהעפֿטן מיט צוויי צוזאַמענגעשלאָסענע הענט.

אַרום זיי האָבן געשטורעמט כוואַליעס פֿרייד און געזאַנג. זיי זענען געווען די אײַנגעהאַלטענע קראַפֿט פֿון אַ נוקלעוס אין דעם מענטשנשטראָם. זיי זענען אַרויס פֿון מגן־דוד־פּלאַץ. געגאַנגען צווישן די מאַסן אין דער ריכטונג צום ים. זיי האָבן געלאָזט די פּיס זאָלן זיי פֿירן. און אַלץ וואָס עס האָט געקאָנט געזאָגט ווערן, איז איצט געזאָגט געוואָרן דורך זייערע געשלאָסענע הענט.

זיי זענען געשטאַנען אויף אַ בערגלשפּיץ, דערוויַיטערט פֿון יובלענדיקן גאַסנרויש. פֿון איין זיַיט, צופֿוסנס דעם בערגל, דער אָפֿענער, באַפֿריַיטער ים; און פֿון דער צווייטער זיַיט — די לבֿנה־באַלויכטענע דעכער פֿון תל־אָבֿיבֿ. פֿון וויַיט־וויַיט, אונטער די לעמפּ פֿון הערבערט סאַמועל־פּלאַץ, האָט זיך געטראָגן דער עכאָ פֿון די טויזנטער זינגענדיקע האָראַ־טענצערס, אַ וויַיטער טיפֿער עכאָ, ווי ער וואָלט קומען פֿון די שטערן איבער זייערע קעפּ.

זי איז געשטאַנען צווישן זיַינע אָרעמס. ער האָט געקוקט צו איר און נישט געגלייבט זיַינע אויגן. זי איז געווען אומגלייבלעך, ווי דער עכאָ פֿון וויַיט־וויַיטן געזאַנג איז אומגלייבלעך. אַלץ אַרום אים איז געווען זילבער־פֿאַרכּישופֿט. דער לבֿנה־באַלויכטענער ים־רוקן האָט צו אים געאָטעמט הינטער דעם פֿאַלנדיקן האַרפֿירהאַנג אויף איין פּראָפֿיל פֿון איר פּנים. ערגעץ ווו, אין זיך, האָט ער געוווּסט אַז דאָ, אויף אָט דעם בערגל, האָט זי געוואַרט אויף אים פֿון אַן אורציַיט וואָס ער קען נישט איר אָנהייב. דאָ האָט ער זי געפֿונען אַ וואַרטנדיקע אויף זיַין צוריקקער. דורך אַ לאַנגן וועג איז ער צו איר געגאַנגען. ערשט אין דער היַינטיקער נאַכט איז ער צו איר אָנגעקומען. דער באַפֿריַיטער ים שווענקט איצט דעם לעצטן וואַנדערשטויב פֿון זיַינע פֿיס.

ער האָט געקוקט אין דער טיפֿקייט פֿון צוויי פֿינקל־שטערן אין ווינקלען פֿון אירע אויגן. ער האָט געפֿילט די וויבראַציע פֿון אירע ליפּן אונטער זיַין אָטעם, און ער האָט זיי פֿאַרחתמעט מיטן גלי פֿון זיַין מויל. די מענלעכע פּאַטענץ, וואָס איז אין משך פֿון יאָרן געווען פֿאַרזיגלט אין זיַינע אָדערן, ווי ברויזנדיקער אַלטער וויַין אין טונקעלע קעלערס, האָט איצט אַ פֿלייץ געטאָן מיט פֿולער קראַפֿט צו די פֿאַרצוימונגען, ווי די סטיכיע פֿון ים צו אויפֿגעריסענע טאַמעס. אירע אויגן האָבן זיך געשלאָסן אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן פֿאַרבלענדנדיקן ליכט. דאָס בערגל אונטער זיי האָט זיך אָפּגעריסן פֿון ערדוואָרצל. ווי די פֿיַיל פֿון אַ געשפּאַנטן בויגן זענען זיי אַוועק אין די הייכן.

— צום ים, געליבטע! — האָט ער אויסגערופֿן.

זיי האָבן זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ בערגל־אַראָפּ, געשפּירט די אַרויסגעוואַקסענע פֿליגל פֿון זייערע גופֿים. אַליין זענען זיי דאָ געווען. אַן ער און אַ זי. קיינער נישט אַרום. נאַקעטע זענען זיי געווען, נישט וויסנדיק דערפֿון אַפֿילו. באַהאַפֿטענע, קאָפּ צו קאָפּ, זענען זיי געשווומען. ווי זיסער וויַין איז דאָס ים־וואַסער געווען אינעם קוש פֿון זייער מויל. דער ים האָט זיי געטראָגן אויף זיַין רוקן ווי אַ בראשית־ברכה צו די הימלען לכּבֿוד זיַין באַפֿריַיונג. זיי זענען געווען די ערשטע אָנגעקומענע צו אים, טראָגנדיק אין זייערע ליַיבער די בשׂורה פֿון באַפֿריַיונג. איצט איז דער אָפֿענער ים געווען זייער ים; דער אויסגעשטערנטער הימל — זייער הימל; און די ליבע — זייער ליבע.

זיי זענען געלעגן אויפֿן בערגל. איבער זייערע אויגן האָט דער הימל־קיַילעך זיך אויסגעוועבט מיט שטערן ווי אַ ליַיכטנדיקער באַלדאַכין איבער זייער חופּה־בעט. איר קאָפּ איז געלעגן אויף זיַין ברוסט. זיַינע פֿינגער האָבן געקעמט די פֿאַליעס פֿון אירע לאַנגע האָר און מיט זיי צוגעדעקט זיַינע לענדן. פּלוצלינג איז פֿון איר מויל אַרויס צו אים אַ שאלה:

— ווי אַזוי, געליבטער, האָבן מיר זיך דאָ געפֿונען?

אין זעלביקן אויגנבליק איז זי גופא געווען דערשטוינט איבער דעם מיסטישן זינען פֿון איר שאלה.

— אַ מאָל, אַ מאָל האָבן מיר באַשטימט זיך צו טרעפֿן דאָ אויף דעם בערגל — האָט ער געענטפֿערט.

— אויך דו פֿילסט אַז מיר זענען דאָ געווען אַ מאָל ? — האָט זי הייס געשעפּטשעט.

— טאָ פֿון וואַנען האָבן אונדזערע פֿיס געוווּסט אונדז צו פֿירן אַהער אין דער הײַנטיקער נאַכט ? — האָט ער שטיל ווי צו זיך געזאָגט.

ער האָט גענומען איר קאָפּ צווישן זײַנע האַנטפֿלאַכן :

— אַ מאָל האָב איך געחלומט אַז ווען איך וועל צוריקקומען צו מײַן פֿאָטערלאַנד וועל איך פֿאַלן מיטן פּנים קושן די ערד. נאָר מײַנע ערשטע טריט אויף אָט דער ערד זענען געווען אַ לויפֿן, ווי אַ גנבֿ בײַ נאַכט איבער די שטעכלדראָטענע רעדער פֿון דער בריטישער באָרטנוואַך. לאָז מיך, געליבטע, צופֿאַלן מיטן פּנים קושן די ערד אין דער איצטיקער שעה, אין דער הײַנטיקער נאַכט.

און מיט יִראת־הכּבֿוד האָט ער אַראָפּגעבויקט זײַן קאָפּ צו דער פֿלאַכקייט פֿון איר בויך און דאָרט לאַנג, לאַנג געקושט.

פֿון מיזרח איז דער מאָרגן־שטערן אויפֿגעגאַנגען איבער דער שטאָט.